# א פאר שעה איז פרויען-וועלט.

(נאָכן רעפעראַט פון שרה רייזען אין פרויען-פאַראיין).

דער היסטאָרישער גורל פון דער יידישער פרוי.

פאַר אונזערע אויגן גייען פאַרביי ביבלישע פרויען-געשטאַלטן: הגר'אַ'שע, איבערגעגעבענע שטאַרקע און צאַרטע טעכטער פ'ן אַלטן פאָלק.

מיטלאַלטער. שיימערהויפנס באַדעקן דעם אייראָפּעאישן באָדן, אין שפּאַניע בושעוועט די אינקוויזיציע.

אָבער יידישע טעכטער, בליענדיקע יונגע מיידלעך, גליקלעכע אָנגעזעענע פרויען זאָגן זיך אָפּ פון גלאַנץ און רייכטום פון לעבן. מיט שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפּ גייען זיי צום טויט פאַר זייער אמת. ניטאָ קיין בוגדות, צווישן יידישע פרויען — די געשיכטע האָט קיי, נאָמען פון אַ פאַררעטערין ניט פאַרצייכנט. און בעסער דער טויט אין די כוואַליעס פון ים, איידער חרפה — דאָס געטרייע ווייב דערטרינקט זיך אויף די אויגן פון איר מאַן און פון דעם, וועלכער האָט געוואָלט איר כבוד שענדן. צניעות איז אַלע מאָל געווען אַ נאַציאָנאַלער חוב פאַר דער יידישער פרוי.

די פרוי פון דער נייער צייט. עס קלינגט ווי אַלטע מעשהלעך, ווי שיינע לעגענדעס, וואָס מיר האָבן פאַרגעסן אין טומל פון דער טאָגטעגלעכקייט. ניט ווילנדיק שווימט אויף דאָס באַוואוסטזיין פון דער באַדייטונג, וואָס די פרוי האָט געהאַט אין אונזער עבר. מיר וואונדערן זיך: „פון וואַנעט האָבן אונזערע אור-אור-באָבעס גענומען דעם אוצר פון מאָראַלישע כוחות ברי היגטער די פינסטערע מויערן פון געטאָ איינצופלאַנצן אין זייערע זין דעם גרויסן יידישן פּאַטריאָטיזם, די מעכטיקע ליבע צום לעבן. פון וועלכע קוואַלן האָט די יידישע פרוי געשעפּט דעם שטאַרקן ווילן, וואָס האָט געשטאַרקט דעם מוט פון זייערע מענער, האָט אַריינגעטראָגן ליכט און וואַרימקייט, שיינקייט און פרייד אין די באַדראָטע יידישע הייזער?

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער השכלה און מיר זייגען שוין אין דעם היינט.

די מאָדערנע פרוי. די טועריגס אויפן געביט פון ליטעראַטור: רחל פייגענבערג, מרים אולינאָווער, אידע גלאַזער א. א.—קוים באַמערקבאַר ציטערט דערביי די שטימע פון דער לעקטאָרין.

אַ שאָטן לייגט זיך איבער אירע אַ ביסעלע אומעטיקע אויגן. שווער איז דער גורל פון דעם יידישן שריפטשטעלער, דעם יידישן דיכטער, אָבער שווערער, אַ ס׳ שווערער, איז דער איינזאַמער גורל פון דער יידישער דיכטערין. אַמאָל, גאָר זעלטן ווערן אירע שורות אויסגעפינטלט: דאָס ביכל איז אָפּגעדרוקט! מאָרגן ווערט די איינזאַמע גיט מער איינזאַם זיין—לייענער וועלן די שוואַרצע פינטעלעך לייענען, וועלן זיך אָפּרופן. אָבער די קריטיק, וועלכע פירט אָן מיט דעם לייענער, די אַלמעכטיקע קריטיק גייט פאַרביי לעם ביכל.

די קריטיק שווייגט, פאַרשווייגט. ווידער איינזאַם, ווידער אַליין אָן שטיצע גייט די דיכטערין דעם שטייניקן וועג פון יידישער ליטעראַטור, דעם וועג וועלכן זי האָט גאָר-גאָר ניט לאַנג באַטראָטן. אָ דאָס בייזע, מענערישע פאַרשווייגן!...

צום סוף לייענט שרה רייזען אירע אייגענע דיכטונגען, לידער גאָר וויי-ניקע. זיי טראָגן דעם שטעמפּל פון באַשיידנקייט און עכטקייט, וואָס כאַראַקטעריזירן די שאַפונג פון שרה רייזען—געלאָסענע אָן פּאָזע, אָן שרייעדיקן פּאַטאָס, קלאָרע האַרציקע שטימונגס-בלימעלעך, אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון טאָג-טעגלעכן פאָלקסלעבן. פון שטילער פרייד, פון צעטראָטענע אידעאַלן. פון שווערער אַרבעט פון האַנטווערקער, פון געזעגענען זיך זינגען שרה רייזענס לידער. זיי זייגען אומשליערט פון וואַרעמער ווייבלעכקייט, דורכדרונגען מיטן אייביקן לעכצן פון דער ווייבלעכער נשמה נאָכן „קליינעם בלויען בלימעלע" פון אַ ביסל גליק און שיינקייט. שרה רייזענס פּאָעזיע קומט צו אונז אָן טומלדיקע קעפּלעך. זי איז ניט קיין שום „איסמיש", זי גיט אונז עכטע ריינע ליריק, זי שאַפט שטימונג, באַרואיקט, רופט אַרויס ביי דעם לעזער דעם פאַרטראַכטן שמייכל, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר דער דיכטערין אַליין. צו-הערנדיק די באַשיירענע שורות דערמאָנט מען זיך אָן דאָס וואָרט, וואָס האָט וועגן זיך געזאָגט דער גרויסער פראַנצויזישער ליריקער אַלפרעד מיוסע: „מיין גלאָז איז קליין, אָבער איך טרינק פון מיין אייגענעם גלאָז".

אין איינעם פון אירע געלונגנסטע לידער זאָגט שרה רייזען: „איך האָב דיך ליב ווילנע".

ס'ווילט זיך ענטפערן: און ווילנע האָט ליב שרה רייזען.

אַ פּאָר געמיטלעכע שעה האָבן מיר פאַרבראַכט שבתצונאַכט אין פרויען-פאַראיין.

חנה בלאַנקשטיין.

## א סברה חווה האט זיך שוין אויך געפאַרבט.

פילאַדעלפיע. לעאָנאַרד וואולי, פון דער אוניווערסיטעט פון פענסילוואַניע, וועלכער איז דער פירער פון דער קאָמיטע, וואָס מאַכט איצט אויסגראָבונגען אין אור כשדים, האָט דערקלערט, אַז זיין קאָמיטע האָט געפונען אַ טואַלעט-שאַכטל, וואָס אַנטהאַלט אַ שפּיגעלע, פודער, פאַרב און אַנדערע קאָסמעטיק, וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פון אַ דאַמע, וועלכע האָט געלעבט מיט אומגעפער פיר טויזנט יאָר צוריק.

## אַ גאַס איז תל אביב אויף